# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:27
מוצאי שבת קודש...........5:57

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................זכרי' ז'
בבלי.......................זבחים נ"ה
ירושלמי..................נדרים י"ד
תוספתא..................אהלות ט'
רמב"ם.....................נחלות ו'


פרשת וירא, י"ז חשון, שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 6 (724)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח, לוֹט'ס וַוייבּ הָאט צוּרִיק גֶעקוּקְט פוּן הוּנְטֶער זִיךְ, אוּן זִי אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק זַאלְץ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו), דִי וֶועלְט קוּקְט אָן "שִׁכְחָה", דִי זַאךְ פוּן "פַּארְגֶעסְן", אַלְס אַ חִסָּרוֹן, אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן הָאט עֶס גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוען נִישְׁט פַּארְגֶעסְן, וָואלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ וָואלְט אִים אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר וָואלְט אַלְץ גֶעדֶענְקְט דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן קֶענֶען זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, סֵיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת. אָבֶּער יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז מֶען פַּארְגֶעסְט, אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ; וִוי נָאר אַ זַאךְ אִיז פַּארִיבֶּער, קֶען מֶען גְלַייךְ פַּארְגֶעסְן דֶערְפוּן, אוּן אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער דוּרְכְפַאל הָאט קֵיינְמָאל פַּאסִירְט, מֶען דַארְף מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵז, וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו, אוֹיבּ קוּקְט מֶען אוֹיף צוּרִיק, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ כְּסֵדֶר דִי אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוּרְכְפֶעלֶער, וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח, דַאן וֶוערְט מֶען אַ שְׁטִיק זַאלְץ, עֶס וֶוערְט אַ זַאלְצִיגֶע וֶועלְט, אַ בִּיטֶערֶע וֶועלְט, אוּן דָאס לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, נִישְׁט בְּרוּחְנִיוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְפְרִישְׁן, "אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אִיךְ בִּין אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, בִּכְלַל נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער פוּן פְרִיעֶר, דֶער וָואס הָאט גֶעהַאט דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אִיז גֶעוֶוען גָאר אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ". מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט וָואס אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּל, מִיר וַוייסְן טַאקֶע נִישְׁט וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל, אָבֶּער מִיר קֶענֶען דָאס נוּצְן אַלְס אַן עֵצָה זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאנַייעֶן, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ שְׁטַארְבְּן אוּן נָאכְאַמָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן, אִיךְ קֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן לֶעבְּן, אָבֶּער אִין מֵיין קָאפּ בִּין אִיךְ יֶעצְט אַרַיין אִין אַ נֵייעֶם גִלְגוּל, אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מַיין פְרִיעֶרְדִיגְן גִלְגוּל, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶענְצְלִיךְ אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם נֵייעֶם גִלְגוּל וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס הַצְלָחָה, אוּן מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן נָאךְ אַ פְרִישֶׁע גִלְגוּל.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה י:) "כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר וַיְהִי אֵינוֹ אֶלָּא לָשׁוֹן צַעַר", וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְהִי - אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען", אִיז עֶס אַ לָשׁוֹן פוּן צַעַר, דָאס אִיז מְרַמֵז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נָאר צַעַר פוּן דֶעם, עֶר עֶסְט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן עֶס הַאלְט אִים אָפּ פוּן מַאכְן פָּארְשְׁרִיט וַוייטֶער אִין לֶעבְּן, אָבֶּער וואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְהָיָה - אוּן עֶס וֶועט זַיין", זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מ"ג, ג') אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה; וֶוען אַ אִיד טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן וָואס וֶועט זַיין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער, דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר הוֹיבְּט אָן נָאכְאַמָאל אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט סֵיי וָואס, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין כַּעַס, אָדֶער סֵיי וָואסְפַארַא דוּרְכְפַאל עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט, אוּן עֶס הוֹיבְּט אִים אָן עֶגְבֶּערְן זַיין מֹחַ, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, זָאל עֶר זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְהוֹיבְּן, תְּשׁוּבָה טוּן, פַארְגֶעסְן, אוּן אָנְגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן; מֶען זָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאנַארִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, אִיךְ וַוייס אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטָארְט טוּן, אוּן אִיךְ וַוייס אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן? זַיי מִיר מוֹחֵל, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ זַיין נָאר גוּט אוּן וואוֹיל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהוֹיבְּן יֶעצְט פוּן פְרִישׁ, אוּן הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין מַיין נֵייעֶ לֶעבְּן".

אַז מִיר וֶועלְן נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, וֶועלְן מִיר וֶוערְן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנ"ח), "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיֵּרָא תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### הִילְף צוּ גֵיין

מִיר זֶעעֶן בְּגַשְׁמִיוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אוּן צוּקְלַאפְּט זִיךְ, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דַאן וֶועט עֶר זוּכְן אוּן בֶּעטְן הִילְף פוּן אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ הַאנְט אוּן אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בְּרוּחֲנִיוּת אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְהוֹיבְּן, עֶר זֶעט אַז עֶר פַאלְט אוּן פַאלְט, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס זָאל אִים קֶענֶען גֶעבְּן אַ הַאנְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מְקוּשָּׁר צוּ אַ צַדִיק, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן קֵיינְמָאל. מֶען דַארְף נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן צַדִיק וָואס קֶען דָאס

<<<<<<

## א גוט ווארט

גֶעבּ יֶעדְן אַ שְׁמֵייכְל, גֶעבּ יֶעדְן אַ גוּט וָוארְט, הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי וַוייט אֵיין גוּט וָוארְט קֶען אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי וַוייט אֵיין שְׁמֵייכְל קֶען יֶענֶעם מְחַיֶּ' זַיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג), אַז מְחַיֶּ' זַיין אַ מֶענְטְשׁ 'הוּא דָבָר גָּדוֹל מְאוֹד', וַוייל מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם מִיט יִסּוּרִים גְּדוֹלִים וְנוֹרָאִים, זֵיי זוּכְן אֵיינֶעם וָואס קֶען זֵיי מְחַיֶּ' זַיין, אוּן מִיט אֵיין שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט – גֶעבְּט מֶען זֵיי לֶעבְּן.

אַז דוּ קוּמְסְט אִינְדֶערְפְרִי אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ יֶעדְן גְרִיסְן; יוּנְגֶע, אַלְטֶע, אָרֶעמֶע, רַייכֶע; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ דִי בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס גְרִיסְן נִישְׁט צוּרִיק, דוּ גְרוּס זֵיי טָאג טֶעגְלִיךְ, בִּיז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן צוּלָאזְט אוּן שְׁמֵייכְלֶען.

וואוּ דוּ גֵייסְט נָאר זָאלְסְטוּ יֶעדְן זָאגְן "הֶעלָאוּ", אוּן פַאר חָשׁוּבֶ'ע מֶענְטְשְׁן זָאלְסְטוּ גְרִיסְן מִיט זֵייעֶר נוּסַח, נִישְׁט "הֶעלָאוּ", נָאר "אַ גוּטְן", נֶעם דָאס פַאר דַיין מִצְוָה, דָאס זָאל זַיין דַיין קַבָּלָה, בִּפְרַט וֶוען דוּ זֶעסְט בָּחוּרִים וָואס קֵיינֶער קִימֶערְט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ זֵיי בַּאגְרִיסְן מִיט ט' קַבִּין גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְלֶעבְּן. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ו)

### בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בִּינְטְלֶעךְ עֲבֵירוֹת בִּינְטְלֶעךְ מִצְוֹות

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

די רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אֵין לְשַׁעֵר, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן גֶעטוּן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת – נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן זַיין תְּשׁוּבָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה כא, ה), אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעטוּן חֲבִילוֹת עֲבֵירוֹת, זָאלְסְטוּ טוּן חֲבִילוֹת מִצְוֹות אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דִיר מוֹחֵל.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פוּן הֵיילִיגְן סַאטְמֶער רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִבְרֵי יוֹאֵל פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, עָמוּד פח), עֶר זָאגְט, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יט, יב), וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן אָדָם הָרִאשׁוֹן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיפְן צִיווּי ה' יִתְבָּרַךְ אוּן גֶעגֶעסְן פוּן דִי עֵץ הַדַעַת, הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעזָאגְט: "אָכַלְתִּי, וְאוֹכַל עוֹד", אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן אוּן אִיךְ וֶועל וַוייטֶער עֶסְן, פְרֶעגְט עֶר, וִוי קֶען זַיין אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן זָאל עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי, מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה? זָאגְט עֶר, חַס וְשָׁלוֹם, פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אוֹיף תְּשׁוּבָה, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט מִיט אַ גֶעוִויסֶע אֵבֶר אִיז דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה צוּ טוּן מִיט דִי אֵבֶר מִצְוֹות; אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם מִיט דִי אוֹיגְן זָאל מֶען קוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט דִי אוֹיגְן, אַז מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען מִיט דִי הֶענְט – זָאל מֶען טוּן מִצְוֹות מִיט דִי הֶענְט, אוּן אַז מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּאֲכִילָה, מִיט עֶסְן – זָאל מֶען עֶסְן כָּשֵׁר'ס וְכוּ'.

דָאס הָאט אָדָם הָרִאשׁוֹן גֶעזָאגְט, "אָכַלְתִּי", אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן פוּן דִי עֲבֵירָה, אָבֶּער אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, "וְאוֹכַל עוֹד", אִיךְ קֶען עֶסְן נָאךְ, אִיךְ קֶען פַארְרֶעכְטְן מִיט כָּשֵׁר'עֶ עֶסְן, אַזוֹי וִוי דִי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְטֶע חֲזַ"ל, הָאסְט גֶעטוּן חֲבִילוֹת עֲבֵירוֹת, טוּ חֲבִילוֹת מִצְוֹות.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן!"

גֵיי אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תּוֹכָחָה

ז. הֵיכָא דְיָדַע דְלָא מְקַבְּלֵי תּוֹכָחָה, הַנַּח לָהֶם. אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין מוּסָר, זָאל מֶען זֵיי גָארְנִישְׁט זָאגְן.

ח. מִי שֶׁיָּרֵא מִבְּנֵי אָדָם לְהוֹכִיחַ אוֹתָם, לְסוֹף שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שׁוֹבֵר אוֹתוֹ לִפְנֵיהֶם. וֶוער עֶס זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם סוֹף אִים צֶעבְּרֶעכְן פַאר זֵיי.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

בַּאוַוייזְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְן אוּן גֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן דֶעם רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס קֶען אִים טַאקֶע הֶעלְפְן. אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ אַז עֶר אִיז לַיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיס, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס פַארֶערְכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן. זַיין רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז גָאר שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ הֶעלְפְן, נָאר עֶר וָואלְט אִים גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן "חַזוֹן אִישׁ", נָאר עֶר וֶועט אִים קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער אִיד אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז נָאר דָאס זָאל עֶר נִישְׁט הֵייסְן, וַוייל דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אִים אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מַמָשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ גֵיין צוּם חַזוֹן אִישׁ צוּ בֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אִים. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט דֶער אִיד מִיט אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט.

וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם חַזוֹן אִישׁ אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט.

דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פוּן הַיינְט אָן פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פִירְן נָאר עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין נָאר אוֹיף גוּטֶע וֶועגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה בְּרוּרָה".

דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעדַאנְקְט פַארְ'ן שִׁיקְן צוּם הֵיילִיגְן חַזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער חַזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים מִיטְ'ן מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְפִּיד צוּ זַיין אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין וִוי מֶען דַארְף, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ, דַארְף נָאר גֶענוּצְט פַארְ'ן צְוֶועק זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיף פַארְקֶערְט ח"ו, צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן. אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אַלֵיין בַּאוַוייזְן, דַאן דַארְף מֶען זוּכְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק וָואס זָאל לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט עֶר זִיכֶער שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ נְפִילָה, וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ כִּשָּׁלוֹן וְעֶרֶךְ צַדִּיק)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רכז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי שִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד ר' שִׁמְעוֹן צוּ גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען גָאר אַ הֵיילִיגֶע סֵפֶר, אוּן מִיט דֶעם רַאטֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן. ר' שִׁמְעוֹן לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג**

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט דַאשִׁיב, וָואס אִיז נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב, אִיז ר' שִׁמְעוֹן דָארְט פְלוּצְלִינְג צוּזַאמְגֶעפַאלְן אוּן אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט מַמָשׁ וִוי עֶר גֵייט אוֹיס.

עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי זַאךְ אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט, דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל אִים צוּרִיק הַאלְטְן עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְפִירְן דֶעם רֶבִּינְ'ס בַּאפֶעל, וָואס וִוי בַּאקַאנְט אִיז דָא טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן טוּן, אוּן זִיכֶער אוֹיף אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ אִין וָואס דֶעם רֶבִּינְ'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אָנְגֶעהַאנְגֶען דֶערוֹיף, דֶעריבֶּער הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעבֶּעטְן עֶטְלִיכֶע אַרוּמִיגֶע מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל אִים אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיפְ'ן וָואגְן וִוי אַזוֹי עֶס שְׁטֵייט אוּן גֵייט, אוּן אִים טְרָאגְן צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב. זַיין חֶשְׁבּוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ וֶועט עֶר שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם, וֶועט עֶר אָבֶּער נָאךְ קֶענֶען אָנְקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אוּן דָארְטְן בֶּעטְן אֵיינֶעם צוּ טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס רָצוֹן.

מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִים פְּרוּבִּירְט צוּרִיק צוּ הַאלְטְן, "וִוי אַזוֹי קֶענְט אִיר יֶעצְט פָארְן? עֶס אִיז דָאךְ מַמָשׁ סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת, אִיר קֶענְט אוֹיסְגֵיין אוֹיפְ'ן וֶועג חַס וְשָׁלוֹם", עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶע'עַקְשְׁנְ'ט, אוּן מֶען הָאט אִים אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן וָואגְן, אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט.

גְלַייךְ וֶוען דִי וָואגְן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט. עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס דִירָה, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם שְׁלִיסְל, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי צְוֵויי סְפָרִים אוּן זֵיי פַארְבְּרֶענְט.

אוּן דֶעריבֶּער וֶוערְט דֶער צְוֵוייטֶער גֶערוּפְן מִיטְ'ן נָאמֶען "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", "דֶער פַארְבְּרֶענְטֶער סֵפֶר", וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶעהֵייסְן פַארְבְּרֶענֶען. (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תקפ"ח).

**תשנז**

וֶוען ר' שִׁמְעוֹן אִיז דַאן צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין לֶעמְבֶּערְג צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט זַיין שְׁלִיחוּת, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "דֶער סֵפֶר [דֶער "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף"], וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט; אָבֶּער דֶער סֵפֶר וָואס מֶען דְרוּקְט יֶעצְט [דֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן], וֶועט מֶען דְרוּקְן אוּן אִיבֶּערְדְרוּקְן אַסַאךְ מָאל, אוּן אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין אִין דִי זַייט אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ צוּקוּקְן, וְכוּ'".

חֲבָל עַל דְאָבְדִין, אַ גְרוֹיסֶער שָׁאד אוֹיף דֶעם סֵפֶר וָואס אִיז לַיידֶער פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, אַן אֲבֵידָה וָואס קוּמְט נִישְׁט צוּרִיק. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ וָואלְט דֶער סֵפֶר פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואלְט יֶעדֶער וֶוען גֶעזֶען אָפְן אוּן קְלָאר דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".

<<<<<<

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

**תשנח**

ר' שִׁמְעוֹן אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אִין שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג פַּאר דִי גַאנְצֶע צַייט, בִּיז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים.

**תשנט**

עֶרֶב פֶּסַח אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ זוּן בַּיי רֶבִּי נָתָן, זַיין בְּרִית אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אוּם שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח, אוּן מֶען הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן יִצְחָק.

זַיין שְׁוֶוער אִיז שׁוֹין גֶעלֶעגְן דֶעמָאלְט אוֹיף קְרַאנְקְן בֶּעט אוֹיף דִי עֶלְטֶער, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען אִין שׁוּל זַיין דֶער סַנְדָק, וַוייל עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ.

**תשס**

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּיר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ ר' יַעֲקֹב פוּן מֶעדְוֶועדִיוְקֶע וָואס הָאט גֶעלָאזְט וִויסְן דֶעם רֶבִּי'ן אַז דֶער סֵפֶר אִיז שׁוֹין גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן גֶעלְט פַּאר דִי דְרוּקֶערְס.

דֶעם בְּרִיוו הוֹיבְּט דֶער רֶבִּי אָן,

"בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ,

יוֹם א' אֱמֹר, כ"ו לְמִסְפַּר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, תקס"ח, פֹּה לְבוּב לֶעמְבֶּערְג.

שָׁלוֹם וְיֶשַׁע רַב לַאֲהוּבִי יְדִידִי, הֲלֹא הוּא הָרַבָּנִי הַמֻּפְלָא וְכוּ', מוֹרֵנוּ הָרַב ר' יַעֲקֹב, נֵרוֹ יָאִיר."

אִינֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, "אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דַיין בְּרִיוו צוּם צְוֵוייטְן מָאל, אִינֶעם עֶרְשְׁטְן בְּרִיוו אִיז גֶעלֶעגְן דִי הַקְדָמוֹת פוּן מַיין יְדִיד הָרַב נָתָן פוּן נֶעמִירוֹב, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען צוּם צְוֵוייטְן מָאל אַ בְּרִיוו פוּן אַייךְ, אוּן אִין דֶעם אִיז גֶעלֶעגְן דִי כְּתַב פוּנֶעם דְרוּק, אוּן אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיךְ זָאל שִׁיקְן אוֹיף דֶעם צוּם וֶוייניגְסְטְנְס הוּנְדֶערְט רֶענְדְלֶעךְ.

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אָבֶּער אוֹיף אַייךְ פַארְוָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיר נִישְׁט דוּרְךְ וֶועם אִיךְ זָאל עֶס שִׁיקְן אוּן צוּ וֶועמֶען אִיךְ זָאל עֶס שִׁיקְן אוּן אוֹיף וֶועמֶענ'ס נָאמֶען עֶס צוּ שִׁיקְן. אוֹיךְ וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ פַארְוָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיר נִישְׁט וִויפִיל סְפָרִים מֶען דְרוּקְט, אִיז עֶס טוֹיזְנְט אָדֶער מֶער? אוּן אוֹיךְ אוֹיף וֶועלְכֶע סָארְט פַּאפִּיר, אוֹיף שְׁרַייבּ אָדֶער אוֹיף רִיגַאהְל [צְוֵויי סָארְטְן פַּאפִּיר]? אוּן וִויפִיל צָאלְט אִיר פַּארְ'ן דְרוּקֶער פַּאר יֶעדְן בּוֹיגְן, אוּן וִויפִיל בּוֹיגְן דֶער סֵפֶר עֶנְטְהַאלְט; אוּן דֶעריבֶּער וִויל אִיךְ אַז אִיר זָאלְט מִיר שְׁרַייבְּן דִי אַלֶע דֶעטַאלְן וָואס אִיךְ הָאבּ דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר הָאט יִסוּרִים פוּנֶעם רָב, אוּן אוֹיךְ אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶר וִויל אַרַיינְדְרוּקְן אִינֶעם סֵפֶר עֶפֶּעס פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע זַאכְן; אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַלֶעס פַּאר דִיר, אוּן אַלֶעס לִיגְט אִין דַיין הַאנְט, אוּן דֶעריבֶּער אוֹיבּ פַארְשְׁטֵייסְטוּ אַז דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם רָב, דֶעמָאלְט לָאז דִיךְ אָפּ פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ דַארְפְסְטוּ יָא צוּקוּמֶען צוּ אִים, וְוִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וָוארֶענֶען נִישְׁט צוּצוּלָאזְן אַרַיינְצוּדְרוּקְן אֲפִילוּ נָאר אֵיין אוֹת פוּן זַיינֶע זַאכְן, קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין דֶעם סֵפֶר.

אִיבֶּער דִי צְוֵויי הַקְדָמוֹת וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשִׁיקְט, גֶעפֶעלְט מִיר בֶּעסֶער דִי קְלֶענֶערֶע.

וֶועגְן דִי הַסְכָּמוֹת הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רָב, עֶר זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן אַזוֹי וְכוּ'.

<<<<<<

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

יֶעדֶע סֵפֶר אוּן יֶעדֶע קוּנְטְרֵס הָאט זִיךְ זַיין אַדְרֶעס וואוּ עֶר דַארְף אָנְצוּקוּמֶען, מִיר דַארְפְן נָאר מֵפִיץ זַיין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין אָנְקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן אַדְרֶעס. יֶעדֶע סֵפֶר הָאט פִּיסֶעלֶעךְ, אוּן עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.

אַ אִיד הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אַמָאל אוֹיף אַ בַּאן, אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעטְרָאפְן אַ סֵפֶר'ל אוֹיפְ'ן בַּאנְק, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיט דֶעם סֵפֶר, וָואס אֵיינֶער הָאט לִכְאוֹרָה עֶס פַארְגֶעסְן דָארְט אוֹיף דִי בַּאן. יֶעדֶע סֵפֶר הָאט זִיךְ זַיין אַדְרֶעס, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער לָאזְט אִיבֶּער אַ סֵפֶר'ל אוֹיף דִי בַּאן, וֶועט עֶס אוֹיךְ אָנְקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ צוּ וֶועמֶען עֶס דַארְף אָנְקוּמֶען.

(אִמְרֵי מוֹהֲרַא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן נ"ט)

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# ווּאוּ אִיז עֶר אַוֶעקְגֶעפְלוֹיגְן מִיטְ'ן טֶעבְּלֶעט?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דָאס וֶועט פַּאסִירְן אוֹיבּ מַיין מַאן בַּאקוּמְט אַ טֶעבְּלֶעט. עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן דִי אַרְבֶּעט, מִיר זִיצְן בַּיים טִישׁ אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מִיר בִּכְלַל, נָאר אוֹיפְ'ן טֶעבְּלֶעט, מִיר גֵיין שְׁלָאפְן אוּן עֶר אִיז אוֹיפְ'ן טֶעבְּלֶעט, אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ אִים אוּן עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן טֶעבְּלֶעט, אוּן זֶעט גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוֹיסֶער זַיין טֶעבְּלֶעט.

אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם טֶעבְּלֶעט, וֶוען עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַ צַייט וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים, אִיז עֶר דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער יֶעצְט אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אִים נִישְׁט רוּפְן, קֶען עֶר בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן פַּאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת.

אִיךְ וֵייס אַז עֶר אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער עֶס הַרְגְ'ט מִיר אַוֶועק אִינְגַאנְצְן. אִיךְ מוּז בַּאטָאנֶען אַז דֶער טֶעבְּלֶעט הָאט אַ פִילְטֶער, אָבֶּער עֶר אִיז מַמָּשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי סְקְרִין. אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וִוי אִין גֵיהִנוֹם, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן.

אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט דָאס לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר בִּכְלַל נִישְׁט וִוי אִיךְ הָאבּ אַ מַאן, זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִיז עֶרְגֶעץ אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן, נִישְׁט מִיט מִיר.

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר וִוִיכְטִיג הִילְף, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר בִּיטֶע הֶעלְפְן.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

וָואס עֶס אִיז דָא צוּ זָאגְן? דֶער טֶעבְּלֶעט, טֶעלֶעפָאן, קָאמְפְּיוּטֶער - מַאכְט חָרוּב שְׁטוּבֶּער, עֶס פַארְטְרַייבְּט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה. מוֹהֲרָא"שׁ אִין דִי בְּרִיוו רוּפְט אָן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער - מְכַשֵׁף, כִּישׁוּף מַאכֶער, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין סז:), וָואס אִיז דִי נָאמֶען כִּישׁוּף? "שֶׁמַּכְחִישִׁין פַּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה", זֵיי מַאכְן שְׁוַואךְ דִי כּוֹחוֹת פוּן דִי קְדוּשָׁה, אוּן דָאס אִיז דִי קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט, טֶעלֶעפָאן וְכַדוֹמֶה לָזֶה.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵייעֶר מַאן זָאל עֶס אָפְּלָאזְן אוּן אַוֶועק וַוארְפְן, בֶּעטְס בַּיי דִי שַׁבָּת לֶעכְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֵייעֶר שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. נָאר מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ, דִי טוּמְאָה כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִין דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטִיבֶּער, בַּיי דִי שֶׁענְסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת. מַמָּשׁ וָואס דֶער נָבִיא שְׁרֵייט (יִרְמְיָה ט, כ): "כִּי עָלָה מָוֶת בְּחַלּוֹנֵינוּ בָּא בְּאַרְמְנוֹתֵינוּ לְהַכְרִית עוֹלָל מִחוּץ בַּחוּרִים מֵרְחֹבוֹת", עֶס מַאכְט חָרוּב דִי יוּגְנְט, אוּן נָאר מִיט תְּפִילָּה פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מִיט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ.

אִיר מֶעגְט זָאגְן אֵייעֶר מַאן שֵׁיינֶערְהֵייט מִיט שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט: "אֶפְשָׁר אִיז בֶּעסֶער פַּאר דִי שְׁטוּבּ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין?" מֶען מֶעג רֶעדְן, מֶען דַארְף רֶעדְן, אָבֶּער עֶס מוּז גֵיין מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן מִיט אֵיידְלְקֵייט, נִישְׁט דֶער מַאן זָאל שְׁפִּירְן וִוי מֶען טֵיילְט אִים אַיין וָואס צוּ טוּן, כְּאִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת; מֶען מוּז צוּ דֶעם הָאבְּן גְרוֹיס חָכְמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ"ו)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

אִיבֶּער דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז דֶער שְׁוָואגֶער פוּנֶעם דְרוּקֶער, הָרַבָּנִי הַמֻּפְלָא וְכוּ', מוֹרֵנוּ הָרַב ר' מֹשֶׁה, נֵרוֹ יָאִיר, טוּט דִיר טוֹבוֹת אוּן הֶעלְפְט דִיר אַרוֹיס, וֶועל אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִים בַּאצָאלְן פַאר דֶעם.

אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען עֶנְדִיגְן דָאס דְרוּקְן אָן קַיין שׁוּם אָפְּהַאלְט.

וֶועגְן מַיין גֶעזוּנְט צוּשְׁטַאנְד, וְויל אִיךְ דִיר זָאגְן אַז שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ בִּין אַבִּיסְל גֶעקוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת, אִיךְ דַארְף אָבֶּער נָאךְ הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים, "וּמַאן דְּרָחִים לִי, לִיבְעֵי עָלַי רַחֲמִים" (נְדָרִים מ'.), אוּן מַיינֶע פְרַיינְט זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מִיר.

אוּן דֶער רֶבִּי עֶנְדִיגְט צוּ,

כֹּה דִּבְרֵי אוֹהֵב נַפְשְׁךָ
דּוֹרֵשׁ שְׁלוֹמוֹ תּוֹרָתְךָ.
נַחְמָן בֶּן מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה יצ"ו

פוּן אוּנְטְן הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעשְׁרִיבְּן,

"אוֹיךְ אָפְּצוּשִׁיקְן דִי בְּרִיוְולֶעךְ דוּרְךְ דִי פָּאסְט, יֶעדֶע צוּ זַיין פְּלַאץ"

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הונדערט חתונות גענצליך בחנם אפגעצייכנט

אין די יעצטיגע טעג איז געווארן אפגעצייכנט די הונדערטסטע חתונה אין בית המדרש. דאס איז א נומער וואס דארף ווערן באצייכענט מיט גאלדענע אותיות. דאס זענען צוויי הונדערט מחותנים און צוויי הונדערט מחותנת'טעס, צוויי הונדערט חתנים און צוויי הונדערט כלות, פון אלע סארטן און אלע מינים, טייל זענען רייכע, טייל ארימע, צווישן זיי זענען דא כאניאקעס, רבישע, פרומע, באלעבאטישע, בעסערע, צופלויגענע און צאמגענומענע און אלעס אינדערמיט, וואס האבן אבער גענומען די שכל פונעם צדיק, נישט צו ווארפן געלט אין מיסט פאר אביסל נארישע ארייגערעדטע כבוד, און חתונה געמאכט אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב.

די חתונות אין בית המדרש איז א סערוויס וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די קהלה פאר געצליך בחינם; מענטשן מיינען אז ווען מען זאגט אז די חתונות זענען בחנם, איז עס א גוזמא, מען טראכט וויבאלד מען בעט "בלויז דריי-און-א-האלב טויזענט דאלער א זייט", וואס איז ממש בחנם קעגן אנדערע זאלן, דרוקט מען זיך אויס אז עס איז "בחנם". אבער ניין, ווען מען זאגט אז די חתונות זענען בחנם מיינט מען עס ממש אין פילן זין פון ווארט. די קהלה שטעלט צו די סערוויס פון א גאנצע חתונה נאכט, טישן, בענקלעך, עסן, מוזיק, בלומען, בילדער, און מצוה טאנץ און אזוי ווייטער פאר קיין איין פרוטה אויף א גאלדענעם טאץ. די מחותנים און חתן כלה דארפן בלויז ארײנשפאצירן אויפ'ן אפגעשמועסטן דאטום און פראווען די שמחה און קוועלן פון נחת ווען מען שטעלט אויף א פרישע אידישע שטוב, אן קיין הארץ דריקעניש פון חובות און בזיונות.

מענטשן וואונדערן זיך, מען רעדט שוין יארן אין די אידישע עסקנות וועלט וואס שפעקולירט און פלאנירט טאג און נאכט מיט עצות און געדאנקען וויאזוי מען קען ראטעווען די אכציג-ניינציג פראצענט פון אידן וואס ברעכן אונטער ביים חתונה מאכן די קינדער. מען האט שוין פרובירט תקנות, חתונה מאלס, אסיפות, דרשות, הסברות, עקספאוס, האט-ליינס, מארקעטינג פארמעסטן, ניגונים, און נאך פיל, און מען וואונדערט זיך פארוואס מען קען נישט פועל'ן לכל הפחות צו האלטן די חתונות ביי די סטאנדארטן פון נעכטן? פארוואס מיט יעדע חודש שפעטער "מוז" מען שוין אויסגעבן נאך "נאר עטליכע טויזנט דאלער" נישט חלילה זיך אויפצורייסן, נאר פשוט צו הייסן א "נארמאלער" מענטש? מען קוקט זיך צו מיט אנגסט, און מען זעט ווי עס וואקסן ארויס יעדן טאג פרישע נייע "מנהגים" ווי אזוי א "נארמאלע אידישע שמחה" דארף אויסזען, דאס הארץ טוט וויי ווען מען שרייבט כסדר צו פרישע סעיפים אינעם "שלחן ערוך של הנארמאלע" פונקטליך וואספארא נייע מתנות מען איז שוין יעצט מחויב צו געבן, און אין די זעלבע צייט קומען כסדר צו נייע "ימים טובים" ווען מען "מוז" קויפן מתנות. אזוי אויך אויף די קליידער געבט מען חלילה נישט אויף, די מארקעטערס שלאפן נישט און באוויזן ארײנצולייגן פרישע סעיפים אינעם שלחן ערוך פונקטליך וויפיל קליידער, שיך און שטריימלעך מען מוז קויפן, וויפיל מאל מען מעג אנטון א קלייד במשך די ימי השמחה, מען ארבעט אויס די פרטי ההלכה וויפיל מוז דער שטריימל קאסטן, עקסטער פאר'ן חתן, און מען איז מחזק די נייע תקנה אז די מחותנים מוזן זיך אויך קויפן א פרישע שטריימל ביי יעדן קינד'ס חתונה. די חכמי כעלעם זיצן ביי אסיפות וואס באשליסן וואס פארא מעבל "אידישע" פורניטשור נארמאלע מענטשן קויפן. די מעניו וואס מען "מוז" געבן פארנעמט גאנצעטע בענדער אין "הלכות נארמאלקייט", עס איז אראפגעשריבן בפרטי פרטיות פונקטליך וואס פארא מעניו "באלעבאטישע" מענטשן מוז געבן ביי די ווארט, תנאים, לחיים, קידוש, קבלת פנים, און די חתונה, חלילה נישט אויסלאזן די שמארגערס באורד, און מיט וואס צו "מכבד זיין" ביים לאנגווייליגן "גראמען", אזוי אויך זיצן די "פארטי פלענערס" און ארבעטן אויס די וויכטיגע מעניוס פון די באווארפן, די פילע שבע ברכות, און שבת שבע ברכות. אפגערעדט איז די חתונה נאכט, ווי יעדע נייע "מנהג" מוז מען מקיים זיין ביז מסירות נפש, מען מוז האבן א קעניגליכע זאל, יעדער מוז באקומען סערווירט א גאנצע פארציע אפילו רוב גייט אין מיסט, מען מוז באשטעלן מינימום קאפלס, מען מוז האבן אן "עכטע" לייוו בענד, זינגערס און שפילערס און לייטינג וואס מאכן זיך און יעדן משוגע, מען מוז טאנצן אזוי און אזוי, און דערנאך מוז איינער א "גראמער" גראגערן אין קאפ ביז צוויי אזייגער פארטאגס.

דער סוד ווי קהילת היכל הקודש האט דאס יא געקענט באווייזן, איז דער "כח הצדיק". מוהרא"ש האט יארן גערעדט דערפון און האט אין זיינער צייט געקענט אויסקוקן ווי א קול קורא במדבר, אבער ניין, דער צדיק'ס כח גייט נישט לאיבוד, ער האט איינגעזייט און איינגעפלאצט פאר פופציג יאר, און ברוך השם יעצט וואקסט ארויס די שיינע פירות וואס בליעט אזוי שיין לשם ולתפארת. דער צדיק לערנט אונז אויס צו קוקן אויף וואס עס איז וויכטיג אין לעבן. מען זאל קוקן וואס דער אייבערשטער וויל. און דער אייבערשטער וויל אז מען זאל חתונה האבן, און וואס פשוטער און גרינגער אלס שנעלער קען מען בעזר השם טון שידוכים און חתונה האבן. דער צדיק קלארט אונז אויס די אמונה, און ווען מען ווייסט אז דער אייבערשטער איז דא, ליגט שוין נישט די קאפ אין געפעלן פאר מענטשן, מען געבט נישט אויס קיין געלט - אפילו ווער עס דארף עס נישט בארגן - נאר כדי אז די אזוי גערופענע "חברים" זאלן כלומר'שט האלטן פון מיר.

דערפאר איז דאס א גרויסע שמחה ווען מען האלט דא אז מען האט אפגעצייכנט די הונדערטסטע חתונה אין בית המדרש, און מיט'ן כח פונעם צדיק מוהרא"ש זי"ע, און מיט די חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס שטארקט אונז אויף ווייטער, וועלן מיר ווייטער מצליח זיין צו אויפשטעלן א דור וואס וועט גיין לויט די מסורה אין די וועגן פון די פריערדיגע צדיקים.

אין א בריוו דעם פארגאנגענעם וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "די וואך זונטאג איז געווען א חתונה אין ישיבה, און אם ירצה ה' קומענדיגע וואך זונטאג איז דא נאך א חתונה אין ישיבה, און אזוי אויך זונטאג פרשת חיי שרה וועט זיין א חתונה אין ישיבה. מוהרא"ש האט אונז געראטעוועט פון קראנק ווערן פון חובות, מוהרא"ש האט אונז געראטעוועט פון מאכן שמחות מיט פיין און פלאג. איך זע מיינע חברים מאכן חתונה, זיי געבן אויס געלט פאר גארנישט און פאר נישט, די דמיון נעבעך שפילט אין זיי אז מען וועט קוקן אויף זיי ווי שיינע לייט און זיי בארגן און דרייען זיך ארום אן א קאפ השם ישמרינו, זיי האבן נישט קיין הנאה פון די שמחה אליינס, מוהרא"ש האט מיט מסירות נפש אונז געראטעוועט פון דעם, עס איז כדאי דו זאלסט קומען צו יעדע חתונה אין ישיבה, ברענג אויך דיין ווייב, זאלן זיי זען ווי די גאנצע זאך איז א דמיון, מען דארף נישט קיין זאל, מען דארף נישט קיין בענד, מען דארף נישט קיין עכטע בלומען, מען קען זיין משונה פרייליך פון די חתונה אליינס, די חתן כלה דארפן נישט די אלע זאכן ארום, זיי האבן אמת'ע שמחה פון די חתונה אליינס, הלואי זאלן אנדערע קהילות דאס נאכמאכן, ראטעווען אידישע קינדער פון די שרעקליכע צרה פון לעבן מיט חובות און נישט קענען הנאה האבן פון אייגענע שמחות."

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נח הערש ווייס** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **ישראל חיים זילבער** הי"ו לעיקוואד
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **שמעון פארטוגאל** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **יודל אייזנער** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **בנימין פאלמאן** הי"ו בארא פארק
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו"ה **אהרן פרענקל** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די שידוך שליסן למזל טוב פון זיין זון
החתן **צבי פרענקל** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יוחנן שור** הי"ו ירושלים עיה"ק
***
מו"ה **נפתלי צבי קארנבלי** הי"ו טבריה
צו די שידוך שליסן למזל טוב פון זיין זון
החתן **חיים נחום קארנבלי** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **אלימלך שארף** הי"ו יבנאל
***
מו"ה **מאיר דוד פארקאש** הי"ו יבנאל
צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון
החתן **שמעון פארקאש** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו ברסלב
***
מו"ה **יצחק ראטה** הי"ו בית שמש
צו די שמחה למזל טוב פון זיין זון
החתן **זאב ראטה** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **נפתלי זאבעל** הי"ו קרית יואל


## שטעך נישט

שטעך נישט, טשעפע נישט, פליק נישט אריין א צווייטן, מאך א גוטע לופט ארום זיך פאר יעדן איינעם,
ווי אזוי טוט מען דאס?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 13**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876



< BreslevCenter.com >